**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/8/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

***גאווערנער האקול אנאנסירט נאך א רעקארד יאר פאר סטעיט פארקס אין 2021***

***אנטיילנעמונג איבער׳ן סטעיט גרייכט שטייגט ביז איבער 427,000, ניאגארא פאָלס פירט דעם וועג***

***גאווערנער׳ס עקזעקיוטיוו בודזשעט נעמט אריין 200 מיליאן דאלער פאר סטעיט פארק אפגרעידס צו אויפנעמען נייע שטראם פון באזוכער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק׳ס סטעיט פארקס, היסטארישע ערטער, קעמפינג ארט און טרעילס האבן אויפגענומען א רעקארד 78.4 מיליאן באזוכן אין 2021, אנהאלטנדיג די גרויסע צאל באזוכענישן זינט דער אנהייב פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע.

״פון ניאגארא פאָלס ביז מאנטאוק פוינט, זענען אונזערע סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער אן אוצר וואס יעדע ניו יארקער זאל קענען פון זיי געניסן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דורכאויס דער פאנדעמיע, זענען פארקס אין פובליק ערטער געווען וויכטיגער ווי סיי ווען פריער — צושטעלנדיג פאר ניו יארקער זיכערע און פארגעניגנדע אפענע-לופט ערטער פאר צוזאמקונפטן און פארוויילונג. ניו יארק איז שטאלץ געווען אויפצונעמען א רעקארד צאל באזוכער צו אונזערע סטעיט פארקס פאראיאר, און מיר קוקן ארויס צו מאדערניזירן אונזער פארקס סיסטעם אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך איצט צו איר היסטארישע 100׳טע יארטאג אין 2024.״

סך הכל באזוכן איבער׳ן סטעיט זענען געשטיגן אין 2021 מיט איבער 427,000, געטריבן דורך א דראמאטישע אומקער פון איבער דריי מיליאן באזוכער ביי ניאגארא פאָלס סטעיט פארק אין פארגלייך צו 2020, ווען אינטערנאציאנאלע גרעניץ טוריזם איז איינגעצוימט געווארן צוליב קאָוויד-19 פראטאקאלן. איבער ניין מיליאן באזוכער זענען געגאנגען צו ניאגארא פאָלס סטעיט פארק פאראיאר.

סטעיט פארק באזוכענישן האלטן אין איין שטייגן, ארויף 41 פראצענט זינט 2008. אין צוגאב צו דער סך הכל, האבן סטעיט פארקס אויך געשטעלט א נייע רעקארד פאר 2021 איבערנאכטיגע באזוכענישן ביי קעמפינג ערטער, מיט קעמפינג, הייזקעלעך און בודקעס באשטעלט פאר איבער 787,000 נעכט.

**סטעיט פארקס קאמישענער עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״איך בין דאנקבאר אז נאך מער מענטשן האבן באשלאסן אז זיי האבן געוואלט גיין צו אונזערע סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער אין 2021, אפילו אין דער צייט וואס עס מערן זיך אנדערע פארוויילונג אפציעס מער און מער. ניו יארק האט אינוועסטירט באדייטנד אין לעצטע יארן לצו מאכן איר איינריכטונגען ערשטראנקיג און עס קומען נאך אפילו מער פארבעסערונגען.״

גאווערנער האקול׳ס פארגעשלאגענע 2022-23 בודזשעט אנטהאלט 200 מיליאן דאלער אין קאפיטאל פינאנצירונג פאר סטעיט פארקס, אן 80 פראצענטיגע העכערונג פון דער איצטיגער שטאפל, צו פארשטערקערן דעם ניו יארק פארקס 100 קאפיטאל איניציאטיוו. גאווערנער האקול האט אנאנסירט

איין אזא פראיעקט — דאס שאפן א נייע סטעיט פארק ביי דער היי-פאלס געגנט פון דאונטאון ראטשעסטער — אין איר סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע אין יאנואר. נאך א נייע סטעיט פארק ווערט געשאפן אין דער שטאט קינגסטאן און איז ערווארטעט זיך צו עפענען צו דעם פובליק שפעטער דאס יאר.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם ראס די. לעווי האט געזאגט,** ״מיט מער רייזנדע וואס זוכן נייע וועגן פאר אפן-לופטיגע פארוויילונג, אונזערע ערשטראנקיגע סטעיט פארקס סיסטעם טוט אנבאטן באזוכער אומפארגלייכבארע געלעגנהייטן. ׳איי לאָוו ניו יארק׳ טוט שטאלצערהייט מוטיגן רייזנדע פון ארום דעם סטעיט, לאנד און וועלט אריינצוררעכענען אונזערע פארקס, וועגלעך, היסטארישע ערטער און קעמפינג ערטער אלס טייל פון זייער קומענדע וואקאציע און קומען אנטיילנעמען אין דאס אלעס.״

הויפט פארקס פראיעקטן פארענדיגט זינט דער אנהייב פון דער פאנדעמיע נעמען אריין א רענאוואציע פון דער שווים באסיין ביי פרענקלין ד. רוזוועלט סטעיט פארק אין וועסטשעסטער קאונטי, דער עפענונג פון אן ערשט-פון-איר-סארט אוטיזם נאטור טרעיל ביי לעטשווארט סטעיט פארק, פארברייטערונג פון ניאגארא פאָלס סטעיט פארק צו פארבעסערן צוטריט צו דעם ניאגארא גארדזש דורך אוועקפירן א טייל פון דער געוועזענער ראבערט מאזעס פארקוועי, דער שאפונג פון א נייע באזוכער צענטער ביי מינעוואסקא סטעיט פארק פרעזערוו, דער עפענונג פון דעם דזשאנס ביעטש און נאטור צענטער, און א פארברייטערטע פערפל הארץ פארעהרונג זאל.

ניו יארק פארקס 100 וועט פאקוסירן אויף שאפן לאקאלע ערטער צו פארוויילן, פארלייכטערן געדראנג אין פארקס, אויפנעמען נייע באזוכער און באשיצן ניו יארק סטעיט׳ס ענווייראנמענטאלע און היסטארישע מורשה. דער נייער פלאן וועט פארזיכערן אז מענטשן פון אלע קאמיוניטיס און פון יעדן עלטער און פעאיגקייט קען פולקאם פארוויילן אין אונזערע אפן-לופטיגע ערטער, אונזער קולטור, און אונזער טראדיציע.

גאווערנער האקול האט אויך פארגעשלאגן א 4 ביליאן דאלערדיגע ״ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאל באָנד אקט״ וואס וועט זיין אויפ׳ן בעלאָט אין נאוועמבער 2022. אויב באוויליגט דורך ווילער, וועט דער אקט אונטערהייבן פינאנצירונג אויף צו לינדערן קלימאט ענדערונג, אויפריכטונג און פלייצונג ריזיקע רעדוקציע פראיעקטן, און אנדערע ענווייראנמענטאלע אפהיט פראגראמען.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזען מער ווי 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און מער, וועלכע ווערן באזוכט דורך 78 מיליאן מענטשן יערליך.  פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונגס ערטער, באזוכט [www.parks.ny.gov](http://www.parks.ny.gov), דאונלאד׳ט דעם אומזיסטן NY State Parks Explorer מאביל עפ אדער רופט 518.474.0456. אויך, פארבינדט אייך אויף פעיסבוק, אינסטעגרעם און טוויטער.

**סענאטאר האזע עם. סעראנא האט געזאגט,** ״סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער זענען געווען א מקום-מנוחה פאר ניו יארקער און באזוכער וואס זוכן אפגעהיטענע מעגליכקייטן דורכאויס דער פאנדעמיע. אזוי ווי מענטשן שפירן די פיזישע און גייסטישע געזונט מעלות פון פארברענגען מער צייט אין דער נאטור, איז עס פשוט פארשטענדליך צו זען אז באזוכענישן זענען כסדר געשטיגן. פילע דאנקען פאר גאווערנער קעטי האקול און סטעיט פארקס קאמישענער עריק קולעסייד פאר זייער אנטשלאסנקייט צו אונזערע פארקס, און איך קוק ארויס צו ארבעטן אינאיינעם צו העלפן פארבינדן נאך מער ניו יארקער צו די גרויסע אפענע לופט.״

**אסעמבלי-מיטגליד דעניעל דזשעי. או-דאנעל האט געזאגט,** ״פארקס זענען העכסט-נויטיגע אינפראסטרוקטור אין אונזער סטעיט. זיי באזארגן סערוויסעס א גאנץ יאר, בויען קאמיוניטי, און דינען אלס א יסוד פאר דער עקאנאמיע. אזוי ווי עס ווייזן זיך א רעקארד צאל פארק באזוכענישן, ווילן און דארפן ניו יארקער בליענדע פובליק ערטער. ווען קאָוויד האט אפגעהאלטן פילע פון סאציעליזירן אינעווייניג, האבן פארקס געדינט אלס אן אפגעהיטענע מנוחה-ארט. אינוועסטירן אין אונזער פארקס סיסטעם איז דער שליסל צו אונזער פאנדעמיע ערהוילונג, וועלכס איז פארוואס איך בין דאנקבאר אז גאווערנער האקול איז א אמת׳ע צוזאמארבעטער אין איר אנטשלאסנקייט צו מאכן גרין-נאטור ערטער גלייך פאר יעדן און צוטריטליך פאר אלע ניו יארקער.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן